



**פרשת משפטים**

**כ״ז שבט תשפ״ב**

**יאר 2 גליון 39**


## א בריוו פונעם

# ראש ישיבה שליט"א

... תחי׳, תלמידה בית פיגא ברסלב.

איך האב ערהאלטן אייער בריוו.

דער עיקר וואס איר זאלט נעמען פאר אייער לעבן פון אונזער סקול בית פיגא - איז די זאך פון רעדן צום אייבערשטן, ווייל ווער עס רעדט צום אייבערשטן דער איז א געהאלפענער.

אפילו איר קענט נאך נישט טון אלעס וואס איר הערט אין סקול, איר קענט נאך נישט טוישן אייער לעבן - זאלט איר אבער נישט ווערן צעפאלן; קוקט נישט אויף אנדערע מיידלעך און טראכט נישט פון אנדערע מיידלעך, איר זאלט בלייבן שטארק מיט דעם אז איר האט דעם אייבערשטן און וואס איר דארפט בעטס נאר פון אים.

דאס איז אלעס פון ברסלב; ברסלב באשטייט פון איין זאך: ׳אויסלערנען יעדן איינעם צו לעבן מיט׳ן אייבערשטן; טראכטן פונעם אייבערשטן און וואס מען דארף זאל מען בעטן פונעם אייבעשטן׳.

דער אייבערשטער זאל העלפן איז זאלט האבן הצלחה אין אלע ענינים.

## נייעס אין בית פיגא

**שטעטל:** לכבוד מוהראש׳ס יארצייט האט מען אראפגערופן איינע פון די חשובע פרויען פון שטעטל, וואס זי האט געברענגט א גיטאר און געזונגען מיט די מיידלעך שיינע ניגונים פון אמונה און ניגונים פון מוהראש. נאכדעם האט מען געשפילט א פרייליכע געים וואס אלע מיידלעך האבן שטארק הנאה געהאט.

**וויליאמסבורג:** די מיידלעך אין די עלסטע קלאס פון בית פיגא האבן זיך די וואך אויסגעלערנט ווי אזוי צו מאכן פאטעיטע קנישעס. ערשט האט מען געקאכט די פאטעיטעס, און עס צודריקט, נאכדעם האט יעדע מיידל באקומען א שטיקל טייג צו מאכן פון דעם די קניש. מען האט אריינגעלייגט אינעווייניג די צודריקטע פאטעיטעס און די לערערין האט געוויזן ווי אזוי מען פארמאכט עס און מען האט עס אפגעבאקן. ש׳כח אייבערשטער אז עס איז אויסגעקומען אזוי געשמאק, און אי״ה ווען די מיידלעך וועלן דארפן אליינס מאכן נאכטמאל, וועלן זיי קענען מאכן געשמאקע פאטעיטא קנישעס!

# מזל טוב!

**אסתר יוטי שטערן צו איר ברודער׳ס חתונה!**

**פראדי טייטלבוים צו איר ברודער׳ס אפשערן!**



# מעשיות פון תפילה

## בית פיגא שטעטל

לעצטע וואך האט זיך אויסגעניצט די טינט פון די קאפי מאשין און מיר האבן עס זייער וויכטיג געדארפט האבן. מיר האבן זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז מ'זאל שווין האבן א נייע. און ב"ה נאך אסאך בעטן די אייבערשטער איז ענדליך אנגעקומען א נייע און מ'קען שווין מאכן קאפיס!



**אפיס און טיטשערס**

---

### שרי זאבעל

נעכטן צופרי האט אויסגעזען ווי איך גיי נישט האבן א וועג צו סקול; איך האב זייער שטארק געוואלט קומען אין סקול. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל האבן האבן א וועג און שכח אייבערשטער מיט אסאך תפילה האב איך געהאט א וועג צו סקול!



**עלטסטע קלאס**

---

### טשארני איידליס

איין טאג האב איך נישט געטראפן מיין שיך און ס'איז געווארן זייער שפעט. איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס שנעל טרעפן און שכח אייבערשטער גראד נאכדעם האב איך עס געטראפן!



**פיפטע קלאס**

---

### נעכא זוסמאן

איין נאכט האב איך נישט געקענט איינשלאפן. איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל שווין איינשלאפן און שכח אייבערשטער נישט צו לאנג שפעטער בין איך איינגעשלאפן!



**דריטע קלאס**

---

### מירל פעלבערבוים

שוין א לאנגע צייט וואס איך בעט די אייבערשטער אז איך זאל קענען קומען אין בית פיגא און שכח אייבערשטער אונז האבן געמופט צו די הייליגע ברסלב'ע שטעטל און איך גיי אין בית פיגא!

**דריטע קלאס**

---

### גאלדי לאקס

איך האב געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל באקומען א נייע קויט און שכח אייבערשטער מיין מאמע האט מיך געקויפט א נייע מאנטל!



**ערשטע קלאס**

---

### מלכי פורסט

איך האב געבעטן די אייבערשטער איך זאל זיין פריילך און שכח אייבערשטער איך בין אייביג פריילך!



**ערשטע קלאס**

---

### רבקי פריעדמאן

שוין זייער לאנג בעט איך די אייבערשטער אז איך זאל באקומען א נייע בריפקעיס און שכח אייבערשטער די וואך האב איך באקומען!



**פרי 1 עי**

# א מעשה פון א צדיק

געשריבן דורך: פייגי טייטלבוים

ישׂשכר דער באס דרייווער, א ברסלב׳ער חסיד, האט פארציילט די פאלגנדע מעשה:

אסאך יארן צוריק, האב איך, ישׂשכר, געוואוינט מיט מיין ווייב אין די פרייע געגנט פון תל אביב. מיר האבןליידער נישט געוואוסט פון קיין פינטל אידישקייט. מיר האבן נישט געוואוסט פון שבת, תפילין, כשרות... עס איז געווען געענצליך פרעמדע באגריפן. אונזער משפחה איז געפאלן ווייטער און טיפער. אויב דאס איז נישט געווען גענוג, פלעג איך נישט האבן קיין רואיגע טאג. מיין שלום בית וואלט געקענט זיין בעסער...

איין טאג האב איך זיך שטארק צוקריגט מיט מיין ווייב. נערוועזערהייט, אזויווי יעדן טאג, בין איך געגאנגען צום ארבעט. פארן ארויספארן פון בני ברק, ביים אינטערסעקשן, איז א איד, א ברסלב׳ע חסיד ארויפגעקומען אויפן באס. אין זיין האנט האט ער געהאלטן א בינטל ספרים. ״גיי פון דא! וואס טוסטו דא מיט ספרים אן רשות?!״ האב איך אים באפאלן. צו מיין וואונדער,האט ער זיך בכלל נישט דערשראקן. נישט נאר דאס, ער איז געבליבן רואיג, און זיך אנגערופן צו מיר:




״טייערע ברודער! נעם דו א קונטרס וואס וועט דיר באלייכטן דיין לעבן! דו וועסט ווערן ווי נייַ! נאר געב מיר א פרוטה לצדקה.״

״איך דארף דאס נישט האבן! און איך וויל דיר מער נישט זעהן דא!״

פארזעצונג קומט א״ה...

די הייליגע רבי זאגט: ״ווער ס׳דרייט איבער פון כעס אויף רחמנות, איז זוכה צו א גוטע לעבן.״

ווען דו זעסט איינער וואס פירט זיך נישט אויף ווי עס דארף צו זיין; פליקט, שטעכט, טשעפעט, רעדט נישט שיין... אנשטאט זיך אויפרעגן אויף יענעם, זאלסטו האבן גרויס רחמנות אויף יענעם. נעבעך, אז יענער האט אן שווארצע גלעזער א גאנצן טאג; אלעס זעט איר אויס טונקל און שווארץ, אוודאי איז זי נישט פרייליך...

מיט תפלה איז מען זוכה צו אויסארבעטן די מידות:

״רבונו של עולם, העלף מיר איך זאל זיין א גוטער מענטש, העלף מיר איך זאל נישט רעדן שטעכעדיג, איך זאל נישט ווײ טוהן אנדערע; אייבערשטער איידל אויס מיין בלוט! העלף מיר איך זאל האבן גוטע מידות, איך זאל קענען ליידן יעדן איינעם, הייליגע באשעפער האב רחמנות אויף מיר, איך וויל אזוי שטארק זיין אן ערליכע איד.״



# Recipe

## Choco-nut Oatmeal cookies

**Ingredients:**

3 eggs

1 cup oil

1/2 cup oil

Pinch of salt

1 cup whole wheat flour

3 cups whole oats

1 tsp cinnamon

2/3 cup brown sugar

1 tsp baking powder

6 oz. chopped or slivered almonds

1/2 cup chocolate chips

**Direction:**

Preheat oven to 350$^{0}$.

Mix all ingrediants by hand. Form into 1 inch balls. Placed onto a lined cookie sheet, spread apart. Bake for 25- 30 minutes.



געדענק צו בעטן די אייבערשטער אז ס׳זאל אויסקומען גוט!

# פון אונזערע לערערינס

לכבוד מיין טייערע תלמידה... תחי',

איך בין געווען זייער איבערגענומען פון דיך נעכטן ווי שיין דו האסט גערעדט!

איך האב הנאה פון דיינע גוטע מדות, ווי דו ווילסט אייביג ארויסהעלפן יעדן איינעם, און ספעציעל ווי דו העלפסט דיין מאמע אזוי גערן און דו מאכסט איר נישט פילן שלעכט ווען דו דארפסט פארפאסן סקול איר צו העלפן, נאר פארקערט. דאס איז די עיקר פארוואס מיר לערנען אין סקול- נאר כדי אלעס אויסצופירן למעשה.

איך האף דיך צו זען אין קעמפ. אויב דיין מאמע דארף דיין הילף א האלבע זוממער, דעמאלטס וויפיל דו קענסט קומען וועל איך זיך זייער פרייען.

רעד אסאך צו דער אייבערשטער און בעט אים אלעס. דיין תמימות איז פאר מיך אזא לימוד, איך לערן זיך פון דיר!

מיט ליבשאפט,

שרה לעזער

## מיר לערנען זיך פון עצתו אמונה



מיין גוטער חבר, איך געב דיר אוועק מיין פערד

### נעכא זוסמאן לערנט זיך פון די מעשה:

אויב איינער קומט צו דיר און וויל טון נישט גוטע זאכן וואס דער אייבערשטער לאזט נישט- זאל מען נישט גיין, נאר מען זאל שרייען און אוועקלויפן. די הייליגע רבי' לערנט אונז אז אזוי האט מען א יאמי' לעבן. ווער ס'פירט זיך ערליך געבט אים די אייבערשטער א שיינע לעבן!

## א בית פיגא תלמידה

שטארקט זיך מיט אייער שיינע אויפפירונג, זייט ממשיך מיט די איידעלע וועג, דאס איז די גרעסטע הפצה. תלמידות בית פיגא וואס פירן זיך איידל - דאס איז די גרעסטע הפצה; אלע פרעגן: "ווער זענען די איידעלע דערוואקסענע מיידלעך?" אלע אינטערעסירן זיך; דאס איז מקרב נאך און נאך אידישע קינדער צום רבי'ן.

# מעשיות פון תפילה

## בית פיגא וויליאמסבורג

### פערעלע שווארץ

איך האב געדארפט מאכן א ברכות טאוול פאר אונזער קלאס, און איך האב געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל אויסקומען שיין און די אייבערשטער האט געהאלפן עס איז אויסגעקומען הערליך!

**דריטע קלאס**

### דבורי אינדיג

איין טאג האב איך געבאקן קאפקעיקס און איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז עס זאל גוט געלונגען, און ב"ה עס איז געלונגען זייער גוט און געשמאק!

**עלטסטע קלאס**

### חני לעווי

איך בעט שוין זייער לאנג די אייבערשטער אז איך זאל קענען גיין צו די הייליגע רבי'ס ציון אין אומאן, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז מיין גאנצע משפחה איז געפארן און איך האב געקענט זיין אין אומאן.

**פיפטע קלאס**

### שרי פריינד

איך האב זייער שטארק געוואלט באקומען א פען וואס איז אויך א סטעמפ, און איך האב זייער שטארק געבעטן די אייבערשטער אז איך זאל עס באקומען, און די אייבערשטער האט געהאלפן אז מיין מאמע האט מיך עס געקויפט! ש'כח אייבערשטער!

**ערשטע קלאס**



1. געל
2. טינקל בלוי
3. רויט
4. פערפל
5. פינק
6. ליכטיג גרין
7. טינקל גרין
8. ליכטיג בלוי

